בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

במסיבה להחזקת המוסדות בבארא פארק

## א' ויגש תשכ"ד

בבית הר"ר אברהם זאב קויפמאן ז"ל - אצל חנוכת ביתו

וַיִּשְׁלָחֵנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ

• יוסף הצדיק בא למצרים להכין הכח ברוחניות ובגשמיות, שיוכלו ישראל להתקיים שם • אריה דבי עילאי: יַצִּיבָא בְּאַרְעָא וְגִיּוֹרָא בִּשְׁמֵי שְׁמַיָּא, מי שהוא 'כתושב' בעולם הזה שעוסק בעיקר בצרכי גשמיים, הוא 'כגר' למעלה בעולם העליון • צרכים הגשמים הם רק כענין 'שיריים' וטפל, והעיקר הם צרכי התורה שהם עיקר החיים • מה שעושים בידי אדם הוא רק בחינת וטפל, והעיקר הוא הסייעתא דשמיא שבא אחר כך בהשפעה מרובה • חטאים מסמין העינים מלראות האמת, וכהיום גם חטאים של אחרים מרבין הסמיות עינים • הוצאת ודאגת החינוך, הוא מכלל צָרְכֵי הַנֶּפֶשׁ וְצָרְכֵי הַבַּיִת • כל יהודי שפועל עבור יהדות, מסייע ומועיל בזה לכלל הכלל ישראל •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ו לפ"ק

נוסף גם קונטרס מיוחד - ו' טבת תשט"ז

א' ויגש תשכ"ד - שמו

ו' טבת תשט"ז - שמות

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | אויטאמאטיש דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**

**לשון קדשו - קונטרס שמז** (9 מינוט) **זייער קלאָר** ☆★★★★

| | |
|---|---|
| **לשון קדשו:** **929-522-1515**<br>ארץ ישראל: **072-3275205**<br>ענגלאנד: **0330-350-3110**<br>פעקס: **718-650-2970**<br>דרוק **1** דערנאך ***347*** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3** | **קול אוצר יהודא**<br>ברוקלין: **718-298-4641**<br>ארץ ישראל: **072-2223419**<br>***79→2→1→11→24.5*** |

# ◆ ברכת מזל טוב ◆

הר״ר **משה יחזקאל בראך** הי״ו
לאירוסי בנו החתן **חנני׳ יו״ט ליפא** נ״י
עב״ג בת הר״ר **שמעון עוזר שווארטץ** הי״ו

הר״ר **אברהם יצחק מערץ** הי״ו
לנישואי בנו החתן **יונתן בנימין** נ״י
עב״ג בת הר״ר **משה יצחק פיש** הי״ו

הרה״ג ר׳ **שמעי׳ שלום גרינפעלד** שליט״א
אשר יגע וטרח רבות בשנים להו״ל חידו״ת של רביה״ק זי״ע
לנישואי בתו - עב״ג החתן **יואל** נ״י
בן הר״ר **מרדכי פריעד** הי״ו

הר״ר **הערשל שטערן** הי״ו
לאירוסי בנו החתן **שלמה מאיר** נ״י
עב״ג בת הר״ר **יואל גאלדשטיין** הי״ו (ב״ר דוד מאיר)

# ◆ וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן ◆

הרה״ח קבע עתים לתורה, חי במדת האמונה ובטחון, גדול בצדקה וחסד בסבר פנים יפות ובהצנע לכת, מוקיר רבנן ותלמידיהם. זכה לחיבה יתירה מרביה״ק זי״ע, ועמד לימינו ובפרט בתמיכה למוסדותיו הקדושים
רבי **אברהם זאב** ז״ל **קויפמאן**
ב״ר **חיים ארי׳** ז״ל - נפטר ז׳ חשון תשפ״ב
אשתו מרת **מלכה** ע״ה ב״ר **חיים יהודה** ז״ל
נפטרה ב׳ אב תשע״ח

---

אביו הרה״ח איש יקר רוח, גמל חסד ונהנו ממנו עצה ותושיה, ממקורבי רביה״ק זי״ע בעיר סאטמאר
רבי **חיים ארי׳** ז״ל ב״ר **יוסף ליטמאן** ז״ל
נפטר א׳ דר״ח אלול תרצ״ד
אמו מרת **ראכיל** ע״ה הי״ד - נעקד״ה ו׳ סיון תש״ד
ב״ר **זאב דוב** ז״ל **לעווי** - תלמיד הייטב לב, ומחסידי שינאווא

החסיד המרומם, בעל מדות טובות וישרות, פיזר ממונו לדברים שבקדושה, לכבד ספרי תורה, ולהדפיס ספרי קודש, דבוק ומקושר לרביה״ק זי״ע בכל לב ונפש, ופעל הרבה להפיץ ספריו הקדושים
רבי **יעקב מתתי׳** ז״ל **זעליגפעלד**
בן הר״ר **שמואל דוד** ז״ל
נפטר ז׳ טבת תשע״ז

הרב החסיד ירא חטא, עסק בתורה ביגיעה ובשקידה, שפך דמעות בעמדו בתפלה, ועסק בצרכי ציבור באמונה, דבריו הק׳ של רביה״ק זי״ע היו נר לרגלו
רבי **ברוך יהודא** ז״ל **לעפקאוויטש**
בן רבי **צבי** ז״ל
נפטר עשרה בטבת תשע״ד

הרה״ח דבוק בספרי החת״ס, הדפיס ספרי משפחת הסופרים, החזיק לומדי תורה בסתר, והיה מקושר לרביה״ק זי״ע
רבי **יוסף יודא** ז״ל **סופר**
ב״ר **אליעזר ישראל מרדכי אפרים פישל** ז״ל
נפטר י״א בטבת תש״פ

האשה החשובה והצנועה, מפורסמת במעשיה הטובים ובמדותיה הישרות, טרחה רבות במצות כיבוד אב ואם
מרת **יוטא** ע״ה ב״ר **זאב לאנדא** ז״ל מדעברעצין
אשת הרה״ח ר׳ **שלום יוסף הכהן גראס** ז״ל
נפטרה י״א טבת תשנ״ז

הרב החסיד רבי
**אברהם** ז״ל
**פריעדמאן**
ב״ר **ישראל יעקב** ז״ל
נפטר ו׳ טבת תשע״ז

הרב החסיד רבי
**שרגא שמואל** ז״ל
**מיללער**
ב״ר **משה** ז״ל
נפטר ח׳ טבת תשפ״א

האשה החשובה מרת
**שרה** ע״ה **לעפקאוויטש**
ב״ר **עוזיאל** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **יחזקאל שרגא** ז״ל
נפטרה י״א טבת תשס״ד

הבתולה
**לאה** ע״ה **בראך**
בן הרה״ח ר׳ **יצחק** ז״ל
נפטרה י״א טבת תשס״ב

הרה״ח רבי **משה אפרים** ב״ר **ארי׳** ז״ל **הערשקאוויטש** - ווזגתו מרת **שפרה יענטא** ע״ה ב״ר **משה יודא** ז״ל

א

# קושיות ודקדוקים בפרשת ויגש

בפסוק וַיִּשְׁלָחֵנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ, וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה

**איך וועל נאָר זאָגן בְּקִיצוּר אַ וואָרט.**

**ס׳שטייט אין די וואָכעדיגע סדרה** (מה, ה)**, יוֹסֵף הַצַּדִּיק האָט געזאָגט פאַר די שְׁבָטִים, פאַר די הייליגע שְׁבָטִים,** [וְעַתָּה] **אַל תֵּעָצְבוּ, איר זאָלט נישט זיין באַזאָרגט, וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם, עטס זאָלט נישט בְּרוֹגֶז זיין, כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה. כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם.**

**נאָכדעם זאָגט ער ווייטער** (מה, ז) **באריכות, וַיִּשְׁלָחֵנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם, לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ, וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם לִפְלֵיטָה גְּדוֹלָה.**

ב

## קושיא א

ויש להבין אריכות וכפל הלשון לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ, וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה, דלכאורה אם אומר לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה, כבר נכלל בזה הרבה יותר מן שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ, דמשמע רק דבר מועט, ולמה לו לומר שניהם

**ברויך מען דאָך פאַרשטיין.**

**א) קודם דעם אֲרִיכוּת** [וְיִתּוּר] **הַלָּשׁוֹן.**

**וואָס איז דער שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ און וואָס די פְּלֵיטָה גְדוֹלָה, אַז ער מאַכט דאָס אין צווייען. ס׳איז נישט גענוג געווען ער זאָל זאָגן** [נאָר] **לִפְלֵיטָה ׳גְּדוֹלָה׳,** [דלכאורה] **ליגט דאָך שוין** [בזה גם ׳שְׁאֵרִית׳ בָּאָרֶץ, שהרי] **בִּכְלַל מָאתַיִם מָנֶה**[א]**.**

ג

## קושיא ב

גם הוא קצת סתירה, כי לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה משמע שישאר הרבה, אבל שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ משמע רק מעט, דלשון שיריים משמע פחות, וכעין שדרשו בפסוק ׳לִשְׁאֵרִית׳ נַחֲלָתוֹ, למי שֶׁמֵּשִׂים עצמו כְּשִׁירַיִם, וכמשמעות לשון ׳שְׁאֵרִית׳ הַפְּלֵטָה

**ב) דערנאָך, ס׳איז** [דאָך] **עפּעס ווי אַ סְתִירָה.**

[דהרי בלשון] **שְׁאֵרִית ווערט אָנגערופן** [אַ דבר מועט] **ווי ס׳שטייט** (מיכה ז, יח) [נֹשֵׂא עָוֹן וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע] **׳לִשְׁאֵרִית׳ נַחֲלָתוֹ,** [דַרְשְׁנ׳ט די גמרא][ב] **מי שֶׁמֵּשִׂים עצמו כְּשִׁירַיִם.**

[וכן בלשון בני אדם קורין] **׳שְׁאֵרִית׳ הַפְּלֵטָה**[ג] [דעס ביסל] **וואָס ס׳בלייבט עפּעס,** [אַז] **ס׳איז עפּעס ׳געבליבן׳.**

[ובכאן] **ער הייבט אָן צו זאָגן, דער בורא כל עולמים האָט מיך געשיקט צו ענק אויף דעם, אַז ס׳זאָל ׳עפּעס׳ בלייבן, ס׳זאָל עפּעס בלייבן פון ענק.** [און] **צום סוף לאָזט ער אויס לְהַחֲיוֹת לָכֶם לִפְלֵיטָה ׳גְּדוֹלָה׳.**

---

[א] מלשון הגמרא **בבבא בתרא** (מא:), ועוד. [ומנה הוא מאה זוז, חציו של מאתים זוז].

[ב] **בגמרא ראש השנה** (דף יז): אמר רבא, כל המעביר על מדותיו [פירש״י: שאינו מדקדק למדוד מדה למצערים אותו, ומניח מדותיו והולך לו, כמו אין מעבירין על המצות (יומא לג.), אין מעבירין על האוכלין (עירובין סד:), מניחן והולך לו], מעבירין לו על כל פשעיו [אין מדת הדין מדקדקת אחריהן, אלא מנחתן והולכת], **שנאמר נֹשֵׂא עָוֹן וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע, למי נושא עון, למי שעובר על פשע וכו׳.** ○ **לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ, אמר רבי אחא בר חנינא אַלְיָה וקוץ בה** [אַלְיָה שְׁמֵינָה יש כאן, וקוץ בה, כלומר דבר תנחומין יש כאן, אבל יש בתוכה דבר קשה, שאינו שוה לכל, אלא למי שמשים עצמו כשיריים], **לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ, ולא לכל נחלתו, למי שמשים עצמו כשיריים.**

[ג] והוא מלשון הפסוק **בדברי הימים א׳** (ד, מג).

KolSatmar.com

דאָס איז דאָך עפּעס טאָפּלט [שווער. חדא דהוא] תַּרְתֵּי דְסָתְרֵי, ס׳איז תַּרְתֵּי דְסָתְרֵי, ׳דאָס׳ איז עפּעס אַנדערש, און ׳דאָס׳ איז עפּעס אַנדערש.

[ועוד] און ס׳ליגט דאָך [נכלל] אין דעם, [על דרך] בִּכְלַל מָאתַיִם מָנֶה (וכדלעיל בקושיא א).

ד

קושיא ג – מתוך הדרוש

ג) [גם יש לדקדק בשינוי הלשון, דאצל שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ אמר הלשון ׳לָשׂוּם׳ לָכֶם, ואצל לִפְלֵיטָה גְּדוֹלָה אמר הלשון ׳וּלְהַחֲיוֹת׳ לָכֶם, וטעמא בעי]. (הקושיא בדברי רבינו, באות יד)

ה

# ישוב הקושיות

## ישוב קושיא א-ב (באופן ראשון)

יוסף הצדיק בא לפניהם כדי להכין להם הכח ברוחניות ובגשמיות, שיוכלו להתקיים שם במצרים בבואם לשם

נאָר דער אֱמֶת איז אַזוי.

**יוֹסֵף הַצַּדִּיק איז דאָך אַהין געקומען פאָראויס, [כדי] ער זאָל אָנגרייטן אַ וועג, ברוחניות ובגשמיות.**

ו

קודם **ברוחניות**, [שהרי] דעס האָט דאָך אויפגעהאַלטן דאָס דוֹר [בגלות מצרים, שלא יתערבו בין המצריים]. אַזוי ווי ס׳שטייט, דער **מדרש** זאָגט[ד], [יוסף הצדיק] ער האָט זיך גוֹדֵר געוועזן מִן הָעֲרָיוֹת, [ולכן] בִּזְכוּתוֹ נִגְדְּרוּ כּוּלָּם מִן הָעֲרָיוֹת.

און אָן דעם העט נישט געקאָנט זיין **קַבָּלַת הַתּוֹרָה**, אַזוי ווי ס׳שטייט[ה], ווען ס׳העט גיווען געווען חלילה נישט [שנגדרו ישראל מן העריות].

על כל פנים ער האָט אויפגעהאַלטן דאָס דוֹר, אַז מ׳זאָל קאָנען קומען, און אידן זאָלן זיך קאָנען דאָרט באַזעצן, די **שְׁבָטִים** מיט די **קינדער** [בארץ גושן, מובדל ומופרש מן המצרים, שזהו יסוד גדול וחומה בצורה שלא יתערבו עמהם] (חידושי תורה למסיבות). (ההמשך באות ח)

ז

האָט יוֹסֵף הַצַּדִּיק געזאָגט, איך בין טאַקע געקומען **פאָראויס**, [כדי] איך זאָל ענק עפּעס ׳פאָרברייטן׳. (ההמשך באות ט)

ח

און **בגשמיות** אויכעט, [שהרי] ער האָט זיי געשפייזט, וַיְכַלְכֵּל [יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו וְאֵת כָּל בֵּית אָבִיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף], דעס וואָס ס׳איז געוועזן.

---

[ד] בויקרא רבה (לב, ה): גַּן נָעוּל אֲחֹתִי כַלָּה גַּל נָעוּל מַעְיָן חָתוּם (שיר השירים ד, יב) וכו׳. אמר רבי פנחס בשם ר׳ חייא בר אבא, גַּן נָעוּל, על ידי שגדרו ישראל במצרים עצמן מן הערוה, נגאלו ממצרים וכו׳. ר׳ הונא בשם ר׳ חייא בר אבא אמר, שרה אמנו ירדה למצרים וגדרה עצמה מן הערוה, ונגדרו כל הנשים בזכותה, יוסף ירד למצרים וגדר עצמו מן הערוה, ונגדרו ישראל בזכותו. אמר רבי חייא בר אבא, כדאי היה גידור ערוה בעצמו שנגאלו ישראל על ידו. [וכן הוא בכ״מ במדרשים].

[ה] בזוהר הק׳ (יתרו דף עח:): בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי וְגוֹ׳ (יתרו יט, א) וכו׳. תָּאנֵי רַבִּי חִיָּיא, בְּהַהוּא זִמְנָא דְּמָטוּ יִשְׂרָאֵל לְטוּרָא דְסִינַי, כָּנִישׁ לְהוּ קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְזַרְעַיִין דְּיִשְׂרָאֵל, וְאַשְׁגַּח לֵיהּ בְּכֻלְּהוּ, וְלָא אַשְׁכַּח בְּכֻלְּהוּ זַרְעָא דְּיִשְׂרָאֵל פַּסְלוּ, אֶלָּא כֻּלְּהוּ זַרְעָא קַדִּישָׁא, כֻּלְּהוּ בְּנֵי קְשׁוֹט. בְּהַהוּא זִמְנָא אָמַר קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְמֹשֶׁה, הַשְׁתָּא אֲנָא בָּעֵי לְמֵיהַב אוֹרַיְיתָא לְיִשְׂרָאֵל, מְשִׁיךְ לְהוּ בִּרְחִימוּתָא דַאֲבָהָן, בִּרְחִימוּתָא דְרָחִימְנָא לְהוּ, וּבְאַתְוָון דַּעֲבָדִית לְהוּ. וְאַתְּ הֲוֵי לִי שְׁלוּחָא, וְאָתִיב מִלִּין אִלֵּין וכו׳. [ועיין להלן בהערה יח מדברי הישמח משה בזה].

KolSatmar.com

ט

**ואמר להם יוסף, שלא יסמכו רק על עמלו, אלא שגם הם בעצמם צריכים לעמול על קיומם, ובפרט בקיום הרוחני שלהם**

[האָט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גזאָגט] **איך בין טאַקע געקומען, אָבער אַף עַל פִּי כֵן, די הייליגע שְׁבָטִים - דער כְּלַל יִשְׂרָאֵל - דער ׳עוֹלָם׳ מוז מיטאַרבעטן.**

**אַז עטס וועטס נישט ווייטער האָרעווען אויף אידישקייט, און אויף דעם אויפהאַלטונג, און אויף אַלדינגס, בלייבט ׳מיינס׳ נאָר אַ קליין ביסעלע וואָס איך האָב געטון,** [וואָס] **דאָס האַלט נישט אויס**[ו]**.**

[אָבער] **אַז עטס וועטס אויך טון, אַז עטס וועטס האָרעווען, איז ׳לְהַחֲיוֹת׳ לָכֶם.**

**חַיִּים מיינט מען דאָך קריאת שמע**[ז] [שבו יסוד עבודת ה׳, וקבלת עול מלכות שמים, וסגולתו לנצח את היצר וכוחות הטומאה][ח]**.**

י

**ולזה אמר להם ׳וַיִּשְׁלָחֵנִי׳ אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם, שאכין לכם הכל, אבל אם תסמכו רק עלי אז יועיל כל עמלי רק לָשׂוּם לָכֶם ׳שְׁאֵרִית׳ בָּאָרֶץ, שהוא דבר מועט, מה שאין כן אם תעזרו גם אתם לזה, וזה אומרו וּלְהַחֲיוֹת ׳לָכֶם׳, אז יועיל זה להיות לכם לִפְלֵיטָה ׳גְּדוֹלָה׳ ומרובה**

**האָט ער געזאָגט, ׳וַיִּשְׁלָחֵנִי׳ אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם, וואָס מ׳האָט מיך געשיקט פאָראויס,** [אָבער] **טאָמער בלייב איך אַליין** [מבלי שאתם תסייעו לדבר] **איז לָשׂוּם לָכֶם ׳שְׁאֵרִית׳ בָּאָרֶץ, קען נאָר בלייבן עפּעס אַ שטיקל שִׁירַיִם.**

**נאָר וואָס דען, לְהַחֲיוֹת ׳לָכֶם׳, פון ענק אויס, אַז עטס וועטס מיטאַרבעטן, קאָן זיין לִפְלֵיטָה ׳גְּדוֹלָה׳, קען זיין גרויסע זאַכן.**

יא

**היוצא מזה לענינינו:**

**וואָס איך וויל דאָ זאָגן** [דערמיט]**.**

**די אַלע זאַכן וואָס ס׳קומט פאָר** [בהשתדלותי עבור קיום המוסדות] **דאָס איז נאָר** [אַז] **מ׳טוט אַביסל צו די זאַך, פאַר אַ שטיקל אויפהאַלטונג.**

**אָבער ׳דער עוֹלָם׳ מוז זיין ׳דערביי׳, און מוז האָרעווען** [דערצו]**, ברוחניות ובגשמיות.**

יב

**איך מיין** [דערמיט, שגם הציבור צריכים לסייע ולעמול] **מיט די קינדער, מיטן חינוך.**

**הֵן ברוחניות. און** [הֵן] **בגשמיות,** [אַז מ׳זאָל] **׳מיטהעלפן׳, אַז ס׳זאָל קאָנען מיטגיין**

---

[ו] פירוש: שאין לזה קיום והעמדה.

[ז] **כמבוא בגמרא ברכות** (טז:)**: אמר רבי אלעזר, מאי דכתיב** (תהלים סג, ה) **כֵּן אֲבָרֶכְךָ בְחַיָּי בְּשִׁמְךָ אֶשָּׂא כַפָּי, כֵּן אֲבָרֶכְךָ ׳בְחַיָּי׳, זו קריאת שמע. בְּשִׁמְךָ אֶשָּׂא כַפָּי, זו תפלה וכו׳.** [ועיין להלן בהערה יד מדברי המהרש״א בזה. ועיין בדברי יואל לשמחת תורה (עמוד תרצז) פשטים מרבינו על דברי גמרא אלו].

[ח] **כמבואר בגמרא ברכות** (ה.)**: לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע** [פירש״י: ירגיז יצר טוב שיעשה מלחמה עם יצר הרע]**, שנאמר** (תהלים ד, ה) **רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ. אם נצחו מוטב, ואם לאו יעסוק בתורה, שנאמר** (שם) **אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם. אם נצחו מוטב, ואם לאו יקרא קריאת שמע, שנאמר** (שם) **עַל מִשְׁכַּבְכֶם, אם נצחו מוטב, ואם לאו יזכור לו יום המיתה, שנאמר** (שם) **וְדֹמּוּ סֶלָה** [יום הדומיה, הוא יום המות שהוא דומיה עולמית]**.**

KolSatmar.com

דאָ, אין די שווערע לאַגע[ט] דאָ אָט, אַזוי ווי מ׳איז ׳פאַרדרענגט׳ פון די וועלט, [ואין לנו הכנסות מבחוץ].

יג

**הקדמה לישוב קושיא א-ב (באופן שני)** (עד אחר אות יז)

קען זיין נאָך אַ בְּחִינָה ליגט [דאָ אין פסוק, בישוב קושיא א-ב].

יד

**[קושיא ג]**

ונדקדק עוד למה בשארית אמר לשון ׳לָשׂוּם׳ לָכֶם,
ואצל פְּלֵיטָה גְּדוֹלָה אמר הלשון ׳וּלְהַחֲיוֹת׳ לָכֶם,

[ונדקדק עוד, דהנה] **דאָ שטייט ׳לָשׂוּם׳ לָכֶם, איך זאָל ענק ׳טון׳, און דאָ שטייט ׳לְהַחֲיוֹת׳ לָכֶם.** [ויש להבין הכוונה בזה] **וואָס איז דאָס טון, און וואָס איז דאָס לְהַחֲיוֹת.**

טו

**הקדמה לישוב קושיא ג (באופן ראשון)**

בלשון שִׂימָה שבפסוק וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר ׳תָּשִׂים׳ לִפְנֵיהֶם, פירש רש״י
להבינם גם טעמי הדבר, ולהשים לפניהם כשלחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם

**ס׳שטייט וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם, זאָגט רש״י[יא],** [שאמר הקב״ה למשה] **זאָלסט נישט זאָגן איך וועל זיי זאָגן דאָרטן איין מאָל, צוויי מאָל, נאָר תָּשִׂים, - ס׳שטייט נישט תְּלַמְּדֵם, - כשולחן ערוך, זאָלסט זיי געבן צו פאַרשטיין, זאָלסט זען דורכצופירן אַז זיי זאָלן דאָס גוט פאַרשטיין, איבערדעם שטייט תָּשִׂים.**

טז

**עוד הקדמה לישוב קושיא ג (באופן ראשון)**

בייטב לב מביא בשם דודו האריה דבי עילאי, שפירש ברמז מאמר הגמרא יַצִּיבָא בְּאַרְעָא וְגִיּוֹרָא בִּשְׁמֵי שְׁמַיָּא,
דמי שהוא ׳כתושב׳ בעולם הזה לעסוק בעיקר בצרכי גשמיים, הוא אחר כך ׳כגר׳ למעלה בעולם העליון

**דאָ איז אַזוי. ווי דער אריה דבי עילאי האָט געטייטשט[יב]** [לרמז בלשון הגמרא][יג] **יַצִּיבָא בְּאַרְעָא וְגִיּוֹרָא בִּשְׁמֵי שְׁמַיָּא, אַז מ׳איז אויף ׳דער וועלט׳ אַ תּוֹשָׁב, מ׳ווייסט אַז דאָס איז דער עיקר, דאָ איז מיין הויז, דעמאָלטס איז מען ׳אויבן׳ אַ גֵּר.** [אַז מ׳איז יַצִּיבָא בְּאַרְעָא, איז וְגִיּוֹרָא בִּשְׁמֵי שְׁמַיָּא.]

---

[ט] פירוש: מצב.

[י] מלשון ׳דחוקים׳, כלומר מרוחקים בעיניהם.

[יא] **ברש״י ריש משפטים** (כא, א): **אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם. אמר לו הקב״ה למשה, לא תעלה על דעתך לומר אשנה להם הפרק וההלכה ב׳ או ג׳ פעמים עד שתהא סדורה בפיהם כמשנתה, ואיני מטריח עצמי להבינם טעמי הדבר ופירושו. לכך נאמר אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם, כשלחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם.**

[יב] הובא בשמו בייטב לב פרשת נח: על פי שפירשו **כִּי גֵרִים וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם עִמָּדִי** (בהר כה, כג), **שבכאן אתם גֵרִים, ולמעלה תוֹשָׁבִים, ׳עִמָּדִי׳** [בעולם העליון] **דייקא. וכמו שפירש דודי הגאון מבריגיל** [שהיה חתן הישמח משה], **יַצִּיבָא בְּאַרְעָא, מי שהוא תּוֹשָׁב בעולם הזה, הוא גִיּוֹרָא בִּשְׁמֵי שְׁמַיָּא, עד כאן דבריו המתוקים.**

**ועוד שם בפרשת שופטים: והנה ידוע מאמר דוד המלך ע״ה** (תהלים קיט, יט) **גֵּר אָנֹכִי בָאָרֶץ, וכמו שפירשו כִּי גֵרִים אתם בעולם הזה, וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם ׳עִמָּדִי׳ דייקא, בעולם העליון. ושמעתי מפי דודי הגאון הקדוש מה״ר אריה ליבוש זצוק״ל אבד״ק ווישניצא, שזהו שאמרו יַצִּיבָא בְּאַרְעָא, מי שנדמה לו שהוא תושב בעולם הזה, גִיּוֹרָא בִּשְׁמֵי שְׁמַיָּא, הוא גֵר בעולם העליון.** [וכן מביאו בספרו רב טוב (אחרי, ד״ה כמעשה ארץ מצרים)].

[ועיין בזה בדברי רבינו במסיבה מוצ״ש ויגש תשכ״ג (לשון קדשו קלא, אות ח-ט)].

[יג] **בגמרא עירובין** (ט.) **ויומא** (מז.) **ובבא קמא** (מב.). **ופירש״י ׳יציבא׳, אזרחי** [והיינו תושב, ולא גר. ופירוש הפשוט הוא בלשון תמיה, וכי הדרך הוא להיות התושב למטה, והגר למעלה ממנו].

KolSatmar.com

יז

אבל מי שהוא ׳כגר׳ בעולם הזה, ויודע שצרכי הרוחניים הם העיקר,
והגשמי הוא רק טפל, הרי הוא אחר כך נעשה ׳תושב׳ למעלה בעולם העליון

[מה שאין כן] **אַז מ׳ווייסט אָבער אַז דאָס איז נאָר ׳אויף דערוויילֿ׳,** [דעס וואָס] **מ׳איז אויף די וועלט, מ׳דאַרף האָבן דעס** [אויך]**, אָבער דאָס איז נאָר** [דער טפל] .. [און] **דער עיקר איז** [דעס] **וואָס מ׳דאַרף צו טון פאַרן לעבן** [שבעולם הבא]**, און פאַר די תּוֹרָה, פאַר רוחניות. דעמאָלטס איז מען ׳דאָרט׳** [אויבן] **אַ תּוֹשָׁב.**

יח

**ישוב קושיא ג (באופן ראשון) - עם ישוב קושיא א-ב (באופן שני)**

וזה שאמר יוסף וַיִּשְׁלָחֵנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם, ׳לָשׂוּם׳ לָכֶם, שאסביר לכם ואבינכם,
שתדעו כי שְׁאֵרִית ׳בָּאָרֶץ׳, דכל צרכי ׳הארציים׳ הם רק כענין ׳שיריים׳ וטפל

**איבערדעם האָט ער זיי געזאָגט וַיִּשְׁלָחֵנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם ׳לָשׂוּם׳ לָכֶם, איך זאָל ענק ׳אויפקלערן׳** [און געבן צו פאַרשטיין]**, עטס זאָלט וויסן שְׁאֵרִית ׳בָּאָרֶץ׳, דאָס אַלעס וואָס ס׳טוט זיך אָפּ אויף ׳דער ערד׳, דאָס איז אַ ׳שְׁאֵרִית׳, דאָס איז ׳שִׁירַיִם׳,** [וכמו שדרשו בפסוק] **לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ.** [והיינו דעס] **וואָס מ׳ברויך האָבן** [לצרכי גשמיות]**.**

יט

והעיקר הוא ׳וּלְהַחֲיוֹת׳ לָכֶם, שהם צרכי התורה הנקרא עיקר החיים, שזהו לִפְלֵיטָה ׳גְדוֹלָה׳, שהם תיקונים גדולים ונצחיים

**אָבער דאָס איז נאָך אַלעס אַ קלייניגקייט** [לעומת] **צו דעם וואָס מ׳ברויך טון פאַר תּוֹרָה, און פאַר אידישקייט.**

[ולזה המשיך ואמר] **׳וּלְהַחֲיוֹת׳ לָכֶם, דעס וואָס ס׳ווערט אָנגערופן כֵּן אֲבָרֶכְךָ ׳בְּחַיָּי׳**[יד]**, מיינט מען תּוֹרָה**[יד]**,** [שעליה נאמר] **כִּי הוּא ׳חַיֶּיךָ׳** (נצבים ל, כ)**, דעס איז לִפְלֵיטָה גְדוֹלָה. דעס איז לִפְלֵיטָה ׳גְדוֹלָה׳, דעס איז אויף אַ גרויסע** [און] **אויף אַן אייביגן תִּיקּוּן.**

כ

**איבערדעם דאָס זענען דאָ די צוויי זאַכן.**

**האָט ער געזאָגט זיי אַן הַקְדָּמָה, אַז מ׳זאָל וויסן אַז דאָס איז דער ׳הויפּט׳,** [און] **אויף ׳דעם׳ איז די גאַנצע האָרעוואַניע.**

כא

**היוצא מזה לענינינו:**

**דאַרף מען צו וויסן: אַז וואָס מ׳ברויך האָבן אויף דעם ׳עולם׳, די צָרְכֵי** [עוֹלָם הַזֶּה, הם רק בחינת ׳שיריים׳ שהוא פחות מחציו]**.**

כב

**ווען ס׳העט געווען כאָטשיג** [גלייך אויף גלייך בעיני הבריות]**, מ׳העט עס כאָטש געהאַלטן גראָד, כאָטש מ׳זאָל געבן גראָד** [אייניג]**, וויפיל מ׳גיט פאַר ׳זיי׳** [לצרכי עצמם

---

[יד] **וכמבואר במהרש״א** (ברכות טז:) [על דברי הגמרא דלעיל בהערה ז]**: כֵּן אֲבָרֶכְךָ בְחַיָּי זו קריאת שמע כו׳. דעיקר קריאת שמע** [נאמר בה הציווי] **על לימוד התורה שחייב אדם בכל יום, כדאמרינן במנחות** (צט:)**. וברכותיה אהבה רבה כו׳ ואמת ויציב כו׳ מוכיחין כן. ולפי שהתורה היא חיינו כמו שנאמר** (נצבים ל, כ) **כִּי הוּא חַיֶּיךָ וגו׳, אמר כֵּן אֲבָרֶכְךָ בדבר שהוא חַיָּי, דהיינו התורה.**

KolSatmar.com

**און** [וויפיל מ׳גיט] **פאַר ׳די תּוֹרָה׳. ווען מ׳זאָל כאָטש וויסן** [דאָס], **העט דאָך אויך געווען** [עפּעס], **העט מען נאָך אויך עפּעס גיווען געקענט ׳דורכקומען׳.**

כג

**על כל פנים מ׳זאָל וויסן אַז דאָס איז פון די צָרְכֵי הַנֶּפֶשׁ,** [ושהוא מכלל] **פון די צָרְכֵי הַבַּיִת וואָס מ׳ברויך האָבן, אויפצוהאַלטן אַ דוֹר מיט אידישקייט, מיט אַ חִינוּךְ.**

כד

**איבערהויפּט היינט אין דעם שווערן מַצָּב, וויאַזוי דאָס דוֹר זעט אויס, היינט נעבעך, וויאַזוי דאָס שִׁפְלוּת הַתּוֹרָה** [איז] **און דאָס שִׁפְלוּת פונעם אידישקייט,** [ווען] **ס׳איז מוּשְׁפָּל** [בעיני הבריות], **און די גאַנצע וועלט איז פאַרבלענדט, אַזוי ווי ס׳איז, מיט פאַרבלענדטע אויגן.**

כה

**ווי זיי זאָגן, ווי די ספרי מוסר זאָגן**[טו] **אַז די חֲטָאִים טוען דאָס.**

**ווי דער נועם אלימלך זאָגט**[טז] [שהחטאים] **זיי זענען מסמא עינים** [מלראות את האמת].

כו

[נאָר] **היינט איז נישט גענוג** [די אייגענע חטאים], **מילא** [וואָס] **׳זיינע׳ חֲטָאִים זענען מסמא עינים, נאָר די וועלטס חֲטָאִים זענען** [אויך] **מְסַמֵּא עֵינַיִם.**

**די ׳וועלטס׳ חֲטָאִים מאַכן בלינד.**

**ס׳איז היינט ׳געשטעלט׳** [די וועלט] **אויף סַמְיוּת עֵינַיִם,** [און] **מ׳ווערט פאַרבלענדט** [אפילו הכשרים], **אַזוי ווי ס׳איז געשטעלט היינט די וועלט.**

---

[טו] עיין בזה בבני יששכר (תשרי ד, כט) בשם הזוהר, וז״ל: הנה בתיקוני זוהר תיקון ג׳ (דף יח:) זה לשונו, כגונא דא עמודא דאמצעיתא דאיהו הוי״ה לא אישתמודע לנביא וחוזה אלא בהיכליה דאיהו א-דנ״י וכו׳, תא חזי כל מאן דנטר אות ברית דיוקניה רשים בשכינתא וצדיק נקרא, ומאן דאישתדל באורייתא דיוקניה רשים בעמודא דאמצעיתא, עכ״ל. הנה מזה יש להתבונן, דאי אפשר להשיג מושכלות בתורה אפילו משתדל בה, כשעדיין לא תיקן חטא הברית, ואפילו פשטיות התורה דהיינו לכוין הלכה לאמתה, אינו יכול, אפילו הוא למדן גדול, דהרי עמודא דאמצעיתא - דרגא דאמת, תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב - לא אישתמודע אפילו לנביא אלא בהיכליה היינו שכינתא, והנה מאן דנטיר אות ברית רשים בשכינתא, מה שאין כן מאן דלא נטיר ח״ו אף על פי שמשתדל בתורה, והנה מאן דמשתדל רשים בעמודא דאמצעיתא, אעפי״כ הרי עמודא דאמצעיתא לא אישתמודע לנביא וחוזה אלא בשכינתא, על כן מהראוי להרהר בתשובה בפרטות על עון הברית קודם לימוד התורה, והשם הטוב יכפר ויסלח, הבן הדבר וכו׳. ○ מענין הזה תוכל להתבונן הדבר אשר הוא כמה פעמים נפלא בעיני ההמון, אשר יהיה לפעמים איש מפורסם בתורה ובעל שֵׂכֶל צח, ולא יוכל לכוין הלכה לאמתה, ולפעמים אומר פשט איזה הלכה בהיפוך הנראה לעין, ופוסק דין היפך מן המבואר לתינוק שלמד ספר, והוא לפי שעדיין לא תיקן חטא הברית, ולא הרהר בתשובה עכ״פ קודם העיון, על כן אי אפשר לו להשיג האמת, הוא דרגא דעמודא דאמצעיתא, ורואה ח״ו היפך האמת. השי״ת יצילנו.

ובדרשות חתם סופר (ח״ג דף כז.): ומי שנכשל בחטא זה ואינו שב, לא ישיג אמיתת התורה, כי הבנים זרים דוברי כזב הנ״ל, מתעים אותו בשוא נתעה וכו׳.

[טז] בצעטיל קטן שבסוף ספר נועם אלימלך (הנהגות האדם, אות א): וצריך להתפלל להשי״ת שיבוא על הָאֱמֶת, כי חֲטֹאת נְעוּרִים של האדם, [וי״ג כאן: הראשון] מְסַמִּין עֵינָיו שֶׁלֹּא יִרְאֶה, אף שיכול לפלפל ולהגיד לאחרים דינו, אבל הוא בעצמו שוכח ולא מקיימם באמת. ○ לכן צריך האדם להתחרט מאוד על עונותיו, ולהתבודד עצמו קודם אור היום, שאז הוא עת רצון לִבְכּוֹת על גָּלוּת השכינה, פעמים הרבה עד אין חקר, וְיִבְכֶּה בִּדְמָעוֹת, וגם ביום לפעמים יתבודד, ואז יראה בעצמו שעמדו עונותיו נגד עיניו, ויזכור את חטאתיו ועונותיו ופשעיו כהרים וגבעות אשר מעולם לא זכר אותם אם עשה ככה. ככה יעשה לא פעם ולא שתים ולא מאה פעמים, עד אשר ירחמו עליו מן השמים. ○ ויתפלל להשי״ת שידריכהו בדרך [האמת] ויורהו דרכו, שלא יבלה חיי חייו, ואז השי״ת ברחמיו וברוב חסדיו יאיר עיניו באור תורתו הקדושה, ויבין וישכיל תוכן הדבר לעשותו ולקיימו.

KolSatmar.com

כז

**דאַרף מען צו וויסן** [שלעומת זה החובה כפולה כהיום]**, אַז דאָס** [מה שנותנין עבור קיום החינוך כהיום] **איז מ׳זאָל זיך קענען ׳אויפהאַלטן׳, מ׳זאָל קענען האָבן אַ קִיּוּם** [בדור קשה כזה]**.**

כח

**השלמה לישוב קושיא א-ב (באופן שני)**

והתחיל יוסף בצרכי הגשמיים, ואחר כך ביאר צרכי הרוחניים, לפי סדר ההדרגות
כשהולכין מעלה מעלה, כי באמת גם צרכי הגשמיים נצרכים עבור צרכי הרוחניים

**איבערדעם האָט ער געזאָגט** [יוסף הצדיק] **אַז ס׳ברויך צו זיין כסדר**[יז]**, און צוביסלעך** [יעלו מעלה, להחיות לפליטה גדולה]**.**

**איבערדעם האָט ער ׳אָנגעהויבן׳ לָשׂוּם לָכֶם, איבערדעם האָט ער דאָס ׳אָנגעהויבן׳** [בצרכי הגשמי, כדי שמזה יתבוננו דכל שכן לצרכי הרוחני]**.**

כט

**ישוב קושיא א-ב (באופן שלישי)**

ולפי פשוטו של מקרא יש לומר בכפל הענינים, שאמר לכם כי בתחילה הועיל ביאת יוסף לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית ׳בָּאָרֶץ׳, להכין להם מחיה אף בהיותכם עדיין בארץ ישראל, ואחר כך יועיל זה להכין קיום בני ישראל בבואם לגור במצרים שלא יטמעו שם, ועי״ז יוכלו לזכות אחר כך לקבלת התורה, שעל זה נאמר וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם ׳לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה׳, וכמו שפירש בישמח משה

**און אין פַּשְׁטוּת, איז אויכעט** [דער פְּשַׁט אין] **לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ** [וגו׳]**.**

[דהנה] **ער** [יוסף הצדיק] **האָט געליטן גָּלוּת מִצְרַיִם, און זיי די שְׁבָטִים זענען דאָך געזעסן אינדרויסן** [בשלוה בארץ ישראל]**.**

**נאָר דער תַּכְלִית** [של ביאת יוסף למצרים היה בכדי] **ס׳זאָל ברענגען ׳דערנאָך׳ פְּלֵיטָה גְּדֹלָה** [שהוא קבלת התורה][יח]**.**

ל

**זאָגט ער וַיִּשְׁלָחֵנִי ה׳ לִפְנֵיכֶם, איך בין געקומען אַהער לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ, עטס זאָלטס קענען ׳בלייבן׳ דאָרטן** [׳בארץ׳ ישראל, ווי] **זיי זענען געזעסן בִּמְנוּחָה..**

**אָבער דער תַּכְלִית איז, ׳נאָך׳ גָּלוּת מִצְרַיִם איז דאָך געווען קבלת התורה,** [שהתחילה באומרו] **אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם,** [ועל זה אמר] **וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם ׳לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה׳** [זו קבלת התורה][יח]**.**

---

[יז] פירוש: כסדרן, ולפי הסדר, לעלות מעלה מעלה בהדרגה.

[יח] וכמבואר בישמח משה בפרשתן: כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם, כִּי זֶה שְׁנָתַיִם הָרָעָב וגו׳, וַיִּשְׁלָחֵנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם לְהַחֲיוֹת לָכֶם לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה. הא דכפל הענין, ושינה הלשון. נראה לי על פי המבואר בזוהר הק׳ פרשת יתרו (עח: והובא לעיל) **דבשעת מתן תורה פקד ה׳ את כל עמו, וראה דכלהון בני מהימנותא בני קשוט, אין בהם אחד שנולד בפסול, ולכך נתן להם התורה הקדושה.** והנה באמת זה דבר פלא, שיהיה עַם רַב גדורים כל כך בעריות, בארץ שטופי זימה, ארץ טמאה ומזוהם ערות הארץ, ובלא תורה. ומבואר במדרש (ויק״ר לב, ה. והובא לעיל) **דבזכות יוסף שעמד בנסיון, נגדרו כל ישראל בעריות, ואם כן הוא היסוד והגורם לנתינת התורה,** כנ״ל בזוהר. וידוע דיסוד נקרא חי עלמין, והשומר הברית נקרא חי, ועל כן יעקב אבינו לא מת (תענית ה:), והבן. ועל פי זה מבואר, כי בפעם הראשון אמר כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי כפשוטו, כִּי זֶה שְׁנָתַיִם הָרָעָב וגו׳, ואחר כך אמר **וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם**, רצ״ל שתהיו חיים דהיינו שומרי הברית קודש, יסוד חי עלמין, **לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה, כדי שתוכלו לקבל התורה,** והבן.

KolSatmar.com

לא

## סיום הדרוש

דער עיקר איז, דער אייבירשטער זאָל העלפן:

ס׳זאָל טאַקע זיין לִפְלֵיטָה גְדוֹלָה, ס׳זאָל טאַקע זיין בְּמִדָּה ׳גְּדוֹלָה׳ וּגְדוּשָׁה.

דער אייבירשטער זאָל העלפן: מ׳זאָל מַרְחִיב זיין גְּבוּל הַקְּדוּשָׁה.

און מ׳זאָל קענען אויפהאַלטן דעם חִינוּךְ, פון דוֹר דוֹרוֹת.

און דער אייבירשטער זאָל העלפן: אידן זאָלן ׳האָבן׳, מ׳זאָל עס ׳קענען׳ אויפהאַלטן [מצדינו].

און דאָס איבעריגע איז [תלוי בסייעתא דשמיא] (וכדלהלן).

לב

**ישוב קושיא א-ב (באופן רביעי), וקושיא ג (באופן שני)**

כל מה שעושים בידי אדם הוא רק בחינת ׳שיריים׳, והעיקר הוא מה
שמסייעין עבור זה מן השמים בהשפעה מרובה שיוכלו לגמור לטובה

אָדער [בדרך] פָּשׁוּט קען אויכעט זיין.

[דהנה] אַלדינגס וואָס מ׳טוט דאָ אויף דעם עולם, איז אַ שִׁירַיִם, [און] דער עיקר איז [אויב] האָט מען סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא קומט [די] הַשְׁפָּעָה מִן הַשָּׁמַיִם, [און] ׳די׳ הַשְׁפָּעָה קומט גרעסער.

לג

ולזה אמר לָשׂוּם לָכֶם ׳שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ׳, דמה שהאדם יכול לָשׂוּם ולפעול ׳בארץ׳, הוא רק בבחינת ׳שְׁאֵרִית׳,
אבל העיקר הוא וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם בהשפעה הבא אחר כך מן השמים, שעל ידי זה יתהווה לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה

איבערדעם זאָגט ער ׳לָשׂוּם׳ לָכֶם, דעס וואָס דער מענטש קאָן ׳טון׳, דאָס איז ׳שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ׳, [ווייל] דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט אַזוי באַשאַפן די וועלט, אַז דער מענטש זאָל ׳טון׳.

אָבער דער עיקר קומט נאָך, וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה. די הַשְׁפָּעָה מִן הַשָּׁמַיִם קומט דערנאָך, גאָר אויף אַן אַנדערן אוֹפָן.

לד

אָבער דער עיקר איז פאַרקערט [ווי מ׳מיינט, דמה שאנו עושין] דאָס איז נאָר, דאָס גיט מען נאָר פאַר אַ יְסוֹד [והתחלה לדבר], און דער עיקר איז די סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא, אַז דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים העלפט [אַז ס׳קומט אַריין די ברכה במעשה ידינו].

לה

[ווי] ס׳איז געווען ביי אַבְרָהָם אָבִינוּ׳ן[יט], כל הנוטל [ממנו מתברך].

און אפילו ביי אִיּוֹב׳ן [שטייט][כ] כל הנוטל פרוטה מֵאִיּוֹב מתברך.

ס׳איז אַריינגעקומען די בְּרָכָה [מִן הַשָּׁמַיִם].

---

[יט] בבראשית רבה (לט, יא): אמר רבי לוי, לא שָׂם אדם פרה מאברהם עד שנתברך, ולא שָׂמָּהּ לו עד שנתברך מאברהם. כיצד, אברהם היה מתפלל על עקרות והם נפקדות, ועל החולים והם מַרְוִיחִים. רב הונא אמר לא סוף דבר אברהם הולך אצל החולה, אלא החולה רואה אותו וּמַרְוִיחַ. אמר רבי חנינא אפילו ספינות שהיו מפרשות בים הגדול, היו ניצולות בזכותו של אברהם.

[כ] בגמרא בבא בתרא (טו:): וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת ה׳ וַיֹּאמַר הַחִנָּם יָרֵא אִיּוֹב אֱלֹקִים, הֲלֹא אַתָּה שַׂכְתָּ בַעֲדוֹ וּבְעַד בֵּיתוֹ וגו׳ [מַעֲשֵׂה יָדָיו בֵּרַכְתָּ וּמִקְנֵהוּ פָּרַץ בָּאָרֶץ] (איוב א, ט-י). מאי מַעֲשֵׂה יָדָיו בֵּרַכְתָּ, אמר רב שמואל בר רב יצחק, כל הנוטל פרוטה מאיוב ׳מתברך׳.

KolSatmar.com

לו

## ברכת הקודש

**דער אייבירשטער זאָל העלפן:**
**ס׳זאָל טאַקע זיין אַ בְּרָכָה, ברוחניות ובגשמיות.**
**טאַקע לִפְלֵיטָה גְּדוֹלָה, מתוך נַחַת וְהַרְחָבָה.**

לז

[און] **דער אייבירשטער זאָל העלפן טאַקע, דער בעל הבית** [ר׳ אברהם זאב קויפמאן][כא] **מאַכט אַ חנוכת הבית, ער זאָל קענען דאָ אויפטון, און זאָל האָבן הַצְלָחָה דערינען.**

**ער זאָל קענען אויפטון דערינען פאַרן כְּבוֹד שָׁמַיִם, און פאַר חִינוּךְ פאַר די דוֹרוֹת, און פאַר אידישקייט, פאַר תּוֹרָה. פאַר זיך, און פאַרן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.**

לח

**היינט, יעדער איד,** [סיי] **וואָס מ׳טוט** [פאַר אידישקייט]**, איז מסייע** [פאַר] **דעם גאַנצן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.**

לט

**דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן טאַקע: מ׳זאָל מיר געהאָלפן ווערן בִּמְהֵרָה.**
**מ׳זאָל מיר קאָנען דינען דעם באַשעפער, און אויפטון.**
**דער אייבירשטער זאָל העלפן: ס׳זאָל זיין אַ כְּבוֹד שָׁמַיִם.**
**און ס׳זאָל זיין אַ נַחַת רוּחַ פאַרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.**
[און] **מ׳זאָל קענען אויפהאַלטן** [דאָס אידישקייט] **– דער אייבירשטער זאָל העלפן – עַד בִּיאַת מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, בְּהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.**

* * *

### שיחה מרבינו - לאחר אמירת הדרוש

[הרה״ח ר׳ ליפא פריעדמאן ע״ה הכריז: דער בעל הבית באַדאַנקט זיך פאַר די געסט וואָס זענען געקומען].

[ועל זה נענה רבינו:] **איך זאָג דאָס אייביג[כב], פאַר דעם דאַרף מען נישט זאָגן קיין יישר כח, ווייל מ׳וואַרט דאָך עפּעס פון דעם** [אַסאַך מער]**, פֵּירוֹת בָּעוֹלָם הַזֶּה און קרן קיימת לְעוֹלם הבא[כג].**

**מ׳קומט עפּעס אָפּ מיט אַ ׳יישר כח׳?.**

**פאַרקערט, דער עוֹלָם דאַרף ׳אים׳ זאָגן אַ יישר כח, נישט** [אַז] **ער זאָל זאָגן פאַרן עולם אַ יישר כח.**

**נו איך וועל נישט אויפהאַלטן דעם עולם. אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.**

---

[כא] הרה״ח ר׳ אברהם זאב קויפמאן ז״ל, בן הרה״ח ר׳ חיים ארי׳ ז״ל מעיר סאטמאר, היה מוקיר רבנן, וזכה לחיבה יתירה מרביה״ק זי״ע, ולרגל חנוכת ביתו החדש בעיר בארא פארק עשה מסיבה זו לטובת החזקת הישיבה שהשתתפו שם כמה נגידים, ודרש רבינו דרוש זה לכבודם.

[כב] בכמה דרושים להחזקת המוסדות, ועיין בזה במסיבה א׳ במדבר תשכ״ו (לשון קדשו קונטרס ש, אות מד), ועוד.

[כג] וכמבואר במשנה פאה (א, א): **אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא וכו׳, וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כֻּלָּם.** [ונכלל בזה גם ׳החזקת׳ ותמיכת תלמוד תורה, וכמו שהזכיר רבינו בכמה דרושים להחזקת המוסדות].

**מתוך שיחה מרבינו - לפני אמירת הדרוש**

**ער דערציילט דאָך עפּעס אַ גוטע מַעֲשֶׂה דער הירצקא**[כד]**, פון ר׳ מאיר שפּירא׳ן**[כה]**. ער האָט ערגעץ געזאָגט אַ דרשה,** [און] **נאָך די דרשה איז דאָרט געווען אַ יונגעלע איז געווען,** [וואָס איז] **דאָרטן געשטאַנען ביי די דרשה. רופט ער אים צי** [ושאל ממנו] **האָסטו פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געזאָגט? האָסט עפּעס פאַרשטאַנען?**

**ער האָט זיך געשעמט צו זאָגן, הכלל** [האָט ער אים געזאָגט] **׳זאָג זאָג׳.**

[ונענה הילד]: **איין וואָרט האָב איך געהערט, אַז דער רבי האָט אַלץ געזאָגט ׳געלט׳, ׳געלט׳.**

[ונענה ר׳ מאיר]: **נו האָסטו דאָך גוט פאַרשטאַנען, טאַקע דאָס איז דאָך די גאַנצע דרשה, דאָס איז דאָך עס.**

---

[כד] הכוונה להרה״ג ר׳ נפתלי הירצקא בערנשטיין ז״ל.

[כה] אב״ד לובלין, וראש ישיבת חכמי לובלין.

KolSatmar.com